NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05662

IN YENE TEG

Judah Steinberg

Permanent preservation of this book was made possible
by the children & grandchildren of Mildred & Daniel Hammer
in honor of
their fiftieth wedding anniversary

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין יענע טעג

פון

יהודה שטיינבערג

איבערדערציילט פון

א. אינדלמאַן

איבערגעזעצט פון העברעאיש

מ. ח.

אילוסטרירט פון

יחזקאל שלאָס

פאַרלאַג: יידישע שול

מאָנטרעאַל, תשל"א

CHILDREN'S LIBRARY
JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL
יידישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה היהודית העממית

IN DAYS GONE BY

(IN YENE TEG)

by

YEHUDA SHTEINBERG

EDITED BY

A. INDLMAN

FROM THE HEBREW

M. H.

ILLUSTRATIONS BY

E. SCHLOSS

Copyright

JEWISH SCHOOL PUBLISHING HOUSE
7950 Wavell Rd.
Cote St. Luc 268, Que.

Printed in Canada by
THE NORTHERN PRINTING AND LITHOGRAPHING CO.
Montreal, Quebec
1971

פאַרלאַג יידישע שול
ביי די מאָנטרעאַלער
יידישע פאָלקס שולן און פרץ שולן
געגרינדעט פון ירושה פאָנד
אין אָנדענק פון
נילאַ און אָטאָ ליבערמאַן ע״ה
(קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ)

Jewish School Publishing House of the
JEWISH PEOPLE'S SCHOOLS
AND PERETZ SCHOOLS
Established by a Gift from the Estate of
NILA & OTTO LIEBERMAN
(Caracas, Venezuela)

מיר דריקן אויס אונדזער אָנערקענונג און דאַנק צו דער
„פנחס חיה הובערמאַן פונדאַציע״,
וואַנקואווער, פאַר דער יערלעכער סובסידיע צו
אונדזער פאַרלאַג

We express our sincere appreciation to the
"PINCHOS & CHAYA HUBERMAN FOUNDATION", Vancouver,
for the Annual Grant to our Publishing Fund

א: אַ כאַפּער איז געקומען אין שטעטל אַריין

אין רוסלאַנד איז געווען אַ קיניג אַ רשע. ער האָט געהייסן: צאַר ניקאָליי דער ערשטער. ער האָט פײַנט געהאַט יידן און אַרויסגעגעבן קעגן זיי ביטערע גזירות [1]. ביטער זיינען געווען אָט די גזירות און די ביטערסטע פון אַלע דער באַפעל [2] צו כאַפּן קליינע יידישע קינדער און זיי אַוועקשיקן אין מיליטער אַריין.

האָבן זיינע משרתים [3] געכאַפּט צען און עלעף יעריקע קינדער און זיי אַוועקגעשיקט דינען אין רוסישן מיליטער. איך בין דעמאָלט נאָך געווען אַ קליין יינגל, האָט מען מיך אויך גע-נומען אין מיליטער אַריין.

איר ווילט וויסן ווי אַזוי עס איז געשען [4]?

הערט וועל איך אייך דערציילן. איך געדענק אַלצדינג גע-נוי [5] ווי עס וואָלט ערשט נעכטן געשען.

איך בין דעמאָלט אַלט געווען עלעף יאָר. אין שטעטל האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן אַז אַ כאַפּער וועט אין גיכן קומען, אַנדערע האָבן געזאָגט אַז דער כאַפּער איז שוין טאָקע געקומען. אין „חדר" האָבן די קינדער געגעבן איינער דעם צווייטן צו פאַרשטיין וואָס אַ כאַפּער איז. אַ כאַפּער, האָבן זיי דערציילט, איז אַ מאַן, וואָס כאַפּט קליינע קינדער און מאַכט זיי פאַר סאָלדאַטן. עס זיינען דאָ דערוואַקסענע [6] יידן, וואָס ווילן ניט גיין פאַר קיין סאָלדאַטן, דערפאַר כאַפּט מען קליינע קינדער און מען שיקט זיי אין מיליטער אויפן אָרט פון די גרויסע. נאָך האָבן די קינדער דערציילט: דער כאַפּער איז אַ ייד אַ רשע. ער קומט צו די יידי-שע קינדערלעך און גיט זיי ניסלעך. די קינדער שטרעקן אויס די הענט צו נעמען די ניסלעך, דעמאָלט טוט דער כאַפּער זיי אַ כאַפּ און פירט זיי אַוועק אין מיליטער אַריין.

מיין מאַמע האָט אַוועקגעזעצט מיך מיט מיין ברודער שלמהן אין אונדזער קליין צימערל און אונדז שטרענג אָנגעזאָגט:

„זיצט דאָ קינדערלעך. גייט ניט אַרויס אין דרויסן אַרויס. אַ כאַפּער איז געקומען אין שטעטל אַריין".

[1] Evil decree. [2] Order. [3] Servants. [4] Happened.
[5] Exactly. [6] Grown ups.

עס איז לייכט געווען דער מאַמען צו זאָגן: „זיצט דאָ קינ־
דערלעך", עס איז אָבער ניט לייכט געווען פאַר אונדז איינצוזיצן
אַ גאַנצן טאָג אין שטוב אין אַ קליין צימערל. ווי נאָר די מאַמע
איז אַוועקגעגאַנגען, בין איך גלייך אַרויס אין גאַס. אויף דער
גאַס איז צו מיר צוגעקומען אַ מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד און
מיך אַ פרעג געטאָן:

„ווער ביסטו יינגעלע?"

איך האָב מיך צעוויינט און געזאָגט:

„דו ביסט דער כאַפּער? איך האָב מורא פאַר דיר . . ."

„האָב ניט קיין מורא, נאַריש יינגעלע", האָט דער מאַן מיך
באַרואיקט מיט אַ מילד קול, „איך בין דיין פעטער."

דער מאַן האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט און איך בין
מיט אים געגאַנגען. גלייך האָבן זיך אין גאַס צונויפגענומען אַ
סך מענער און פרויען. אַלע האָבן אין איינעם גערעדט און גע־
קוקט אויף מיר מיט רחמנות און שרעק. די פרויען האָבן געוויינט.

דער מאַן האָט מיך געטאָן אַ פרעג:

„דו ווילסט אפשר ניסלעך יינגעלע? אפשר ביסטו מיד? קום איך וועל דיך נעמען אויף די הענט.“

ווי נאָר איך האָב דערהערט דאָס וואָרט „ניסלעך“ האָב איך גלייך פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן איז דער כאַפּער. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, נאָר דער „פעטער“ האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט און מיך ניט געלאָזט לויפן. איך האָב אָנגעהויבן ביטער צו שרייען. מיר זיינען דאַמאָלט גראָד [7] פאַרבייגעגאַנגען לעבן אונדזער הויז. זיינען אַרויס אונדזערע שכנים, ווער מיט אַ שטעקן און ווער מיט אַ געשריי. זיי האָבן מיר געוואָלט העלפן. און אָט האָב איך דערזען צווישן זיי מיין מאַמען. אַ האָפנונג האָט זיך געטאָן אַ וועק אויף אין מיין האַרץ . . .

מיין מאַמע איז אויף גיך צוגעלאָפן צו דעם כאַפּער. זי האָט יאָמערלעך [8] געשריגן און מיט איר גאַנצן כוח זיך געראַנגלט מיטן כאַפּער. אויך די שכנות האָבן איר צוגעהאָלפן און זיך באַמיט מיך אַרויסצורייסן פון זיינע הענט. אָבער דער רשע איז געווען שטאַרקער פון זיי און ער האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט. ביז עס איז אַרויס אַ קלוגע שכנה און אים אָפּגעגאָסן מיט אַ טאָפּ זודיק [9] וואַסער. דער כאַפּער האָט פאַר גרויס ווייטיק אַ געשריי געטאָן — און איך בין דערווייל געוואָרן פריי . . .

ב: פאַרוואָס שווייגט די מאַמע?

איך געדענק ניט קלאָר וואָס עס איז שפּעטער געשען, נאָר ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט האָב איך געזען אַז איך געפין מיך אויף אַ פעלד צווישן שעפעלעך. איך האָב כמעט ניט דערקענט מיין ברודער, ווייל ער איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ שייגעצל. איך בין אויך געווען אַזוי אָנגעטאָן. אַ פויעריש יינגעלע איז געשטאַנען לעבן אונדז און געלאַכט. איך האָב דערקענט דאָס קריסטלעכע יינגעלע, ער פלעגט ווינטער צייט יעדן שבת צו אונדז קומען אײנצוהייצן דעם אויוון און באַקומען אַ שטיקל חלה. זומערצייט האָט ער געהיט די שעפעלעך אין פעלד. ביי יידן האָט ער זיך צוביסלעך אויסגעלערנט צו רעדן יידיש.

די מאַמע איז אויך געווען מיט אונדז אין פעלד. זי האָט אונדז

[7] Just then. [8] Lamenting. [9] Boiling hot.

געקושט, מיך און מיין ברודער, און שטאַרק געוויינט. זי האָט אונדז געגעבן ברויט צו עסן און געוואָרנט:

„אָט דאָ זאָלט איר זיין, קינדערלעך, ביז דער כאַפּער וועט אַוועק פון אונדזער שטעטל. איך בעט אייך זייער, רעדט ניט קיין יידיש צווישן זיך, די מענטשן זאָלן ניט וויסן ווער איר זענט.״

די מאַמע האָט אונדז ווידעראַמאָל געקושט און איז אַוועק. איך און מיין ברודער זיינען געבליבן אין פעלד מיטן קליינעם פאַסטעכל. ער האָט אונדז געהיט פון שלעכטע מענטשן. ווען ער האָט געזען אַז אַ פרעמדער גייט אויפן פעלד, איז ער גלייך צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

„די קינדער זיינען ניט קיין יידישע. איך שווער אייך, אַז זיי זיינען ניט קיין יידן.״

אין אונדזערע אויגן האָט יעדער פרעמדער מענטש, וואָס איז געגאַנגען אויפן פעלד, אויסגעזען ווי דער כאַפּער.

די זון איז פאַמעלעך פאַרגאַנגען און עס איז געוואָרן נאַכט. פינצטער איז געווען אַרום. אַ גרויסע שרעק איז מיך באַפאַלן און אויך מיין ברודער האָט מורא געהאַט.

ווי וועלן מיר נעכטיקן [1] אין פעלד אונטערן פרייען הימל? האָב איך מיר געטראַכט. מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. דער קליינער פאַסטעך האָט אונדז צוגעדעקט מיט זיין צו־דעק. מיר האָבן אָבער ניט געקענט איינשלאָפן. פלוצעם האָב איך דערהערט אַ משונהדיק [2] זשומען: ז ז ז! די שרעק אין מיין האַרץ איז דערמיט נאָך גרעסער געוואָרן. איך האָב אָנגעהויבן וויינען.

„פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?״ האָט מיך דער קליינער פאַסטעך געפרעגט.

„איך האָב מורא.״

„פאַר וועמען?״

„פאַרן וואַלד.״

„האָב ניט קיין מורא״, האָט מיר געזאָגט דאָס פאַסטעכל. „מיר האָבן גוטע הינט. זיי היטן אונדז.״

און גלייך האָט דער פאַסטעך געטאָן אַ שאַרפן פייף און די הינט האָבן אָנגעהויבן צו האַווקען [3]. איך האָב אויפגעהערט מורא צו האָבן. איך האָב אויך געהאַט אין דער היים אַ הונט און איך האָב ליב געהאַט צו הערן דאָס קול פון הינט.

1 Spend the night. 2 Strange odd. 3 Bark.

עטלעכע טעג זיינען מיר געווען אין פעלד. איינמאָל איז צו אונדז געקומען די מאַמע. זי האָט אונדז געזאָגט:

„קומט, קינדערלעך, אַהיים.“

איך האָב אַ פרעג געטאָן די מאַמען:

„איז שוין דער כאַפּער אַוועק פון שטעטל?“

די מאַמע האָט ניט געענטפערט, נאָר טרערן האָבן זיך איר געגאָסן פון די אויגן.

„פאַרוואָס שווייגט די מאַמע?“ האָב איך געטראַכט, „און פאַרוואָס וויינט זי?“

ג: איך גיי אַוועק אין אַ ווייטן וועג אַריין

ווען מיר זיינען אַהיים געקומען האָט מיר מיין פּאָטער אויפגעדעקט דעם סוד[1]. ער האָט צו מיר גערעדט און געוויינט, גערעדט און געוויינט:

„דער כאַפּער האָט געכאַפּט דיין עלטערן ברודער שמחה, און שמחה האָט אַ ווייב מיט פיר קינדער. דערפאַר האָבן מיר, איך און דיין מאַמע, איינגעזען, אַז עס איז גלייכער אַז דו, שמואליק, זאָלסט גיין דינען אין מיליטער אויפן אָרט פון דיין ברודער שמחה. ניטאָ קיין אַנדער ברירה[2].“

דער טאַטע האָט מער ניט געקענט רעדן . . .

שוין דעם זעלבן טאָג בין איך געבראַכט געוואָרן אין תפיסה[3] אַריין. דאָרט זיינען געווען אַ סך אַנדערע קינדער. אייניקע פון זיי האָבן שטאַרק געליטן. די קינדער האָבן צווישן זיך גערעדט און געוואָלט טרעפן ווען מען וועט אונדז אַוועקשיקן אין מיליטער אַריין. זיי האָבן געוואוסט אַז דער רב פון אונדזער שטעטל האָט געוואָלט קומען צו אונדז אין תפיסה אַריין, נאָר מען האָט אים ניט געוואָלט אַריינלאָזן. וואָס זשע האָט דער רב געטאָן? ער האָט זיך איבערגעטאָן אין פּויערישע קליידער, אַוועק אין גאַס אַריין און זיך געמאַכט אַז ער איז שיכור. האָבן אים באַגעגנט פּאָליציאַנטן און געפרעגט: „ווער ביסטו?“ האָט ער זיי געענטפערט: „איך בין אַ גנב“. האָבן זיי אים געבראַכט אין תפיסה אַריין. איז דער רב געקומען ביינאַכט צו די קינדער און מיט זיי גערעדט ביז עס איז טאָג געוואָרן. ער האָט גערעדט און טרערן

1 Secret. 2 Choice. 3 Prison.

האָבן זיך אים געגאָסן פון די אויגן. ער האָט די קינדער דערמאָנט וואָס זיי האָבן אַמאָל געלערנט אין חומש: די זין פון יעקבן האָבן פאַרקויפט זייער ברודער יוסף. גאָט האָט אַזוי געוואָלט. גאָט האָט געוואָלט, אַז יוסף זאָל קומען קיין מצרים און לערנען די מצרים אַז עס איז דאָ נאָר איין גאָט אויף דער וועלט.

דערנאָך האָט דער רב פאַרענדיקט:

„אויך איר, קינדערלעך, גייט אַוועק אין אַ ווייטן וועג. איר וועט דאָרט זיין אַ לאַנגע צייט ביז איר וועט גרויס ווערן. די זאַך איז פון גאָט. פאַרגעסט ניט דאָס יידישע פאָלק און דעם יידישן גלויבן. פאַרגעסט ניט אַז איר זענט יידן!"

דער רב האָט זיי פאַרהערט צי זיי געדענקען אויף אויסנ־ווייניק „מודה אני" און „קריאת שמע" לייענען[4]. אַלע קינדער

[4] Prayers.

האָבן גוט געקענט און געזאָגט „מודה אני" און „קריאת שמע"
און דער רב האָט זיך זייער געפרייט. ער האָט זיי דערציילט וועגן
רבי עקיבאן און זיינע חברים, וואָס זיינען געשטאָרבן על קידוש
השם [5] און וועגן חנהן און אירע זיבן זין, וואָס האָבן ניט גע-
וואָלט זיך בוקן צו דעם געץ [6] און זיינען דערהרגעט געוואָרן
פון דעם רשע אַנטיוכס.

„אַלע די צדיקים", האָט דער רב געזאָגט, „זיצן אין גן עדן
און געניסן [7] דאָרט פון גאָטס גנאָד" [8] די קינדער האָבן אויס.
געהערט די מעשה און דערפילט אַז עס איז גוט צו זיין אַ צדיק!
יעדער איינער פון זיי האָט געטראַכט: איך וויל אויך זיין אַ צדיק!

אין דער פרי זיינען פאָליציאַנטן געקומען אין תפיסה אַריין
און דער רב איז גיך אַוועק פון די קינדער, נאָר איידער ער איז
אַוועק, האָט ער זיי נאָך געזאָגט די לעצטע ווערטער:

„קינדער, עס קען זיין אַז איך וועל אייך שוין מער ניט זען
ווען איר וועט צוריקקומען בשלום אַהיים. זייט געטרייע יידן!
זייט געזונט!"

די פאָליציאַנטן האָבן אונדז אַרויפגעלייגט אויף אַ וואָגן. מיר
האָבן אַלע שטאַרק געוויינט און לאַנג געשריגן.

דער וואָגן האָט זיך אַ ריר געטאָן פון אָרט. נאָכן וואָגן זיינען
נאָכגעגאַנגען אַ סך יידן. אַלע האָבן ביטער געוויינט. אויך דער
הימל און ערד האָבן פאַרגאָסן טרערן . . . אויך דאָס פעלד און
די ביימער אויפן פעלד . . .

פלוצעם האָב איך דערזען מיין טאַטן און מיין מאַמען צווישן
די יידן, וואָס גייען נאָך נאָכן וואָגן. איך האָב געזען דעם גרויסן
צער [9] אויף זייערע פנימער, און מיין האַרץ איז פול געוואָרן
מיט רחמנות צו זיי . . .

דער וואָגן איז געפאָרן און געפאָרן. עס איז אַוועק אַ שעה,
עס זיינען אַוועק צוויי שעה און מיר זיינען זייער מיד געוואָרן.
מיר האָבן שוין ניט געקענט מער וויינען . . .

דערנאָך האָבן מיר דערהערט אַ ניי געוויין פון דער ווייטנס.
עס איז צוגעקומען אַ נייער וואָגן. מיר האָבן געמיינט אַז דאָס
איז אויך אַ וואָגן מיט געכאַפּטע קינדער פון אַן אַנדער שטאָט.
נאָר ניין, דאָס זיינען געווען שעפּעלעך . . . די שעפּעלעך האָבן

[5] Upon martyrdom. [6] Idol. [7] Enjoy. [8] Grace. [9] Grief.



געמעקעט מיט אַ שוואַך קול. אפשר האָבן זיי געוואוסט, אַז מען פירט זיי צו דער שחיטה[10] . . . מיר האָבן געהערט דאָס קול פון די שאָף און מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן וויינען.

ווען איך האָב נאָך אַלץ געהאַט טרערן אין די אויגן האָב איך דערזען מיין טייערן הונט, „דער האַווקער״, ער איז נאָכגעלאָפן נאָכן וואָגן.

אוי, האַווקער, האַווקער וואָס גייסטו מיר נאָך? מיינסט אַז איך גיי עסן אַ פעטע סעודה? איך גיי אין אַ וויסטן[11] וועג אַריין. קער זיך אום אַהיים דו האַווקער, מיין טייערער הונט!״ אָבער דער האַווקער האָט זיך ניט אומגעקערט אַהיים. ער איז נאָכ-געגאַנגען נאָכן וואָגן.

[10] Slaugter. [11] Desolate.

ד: דער אומגליקלעכער בחור

עס זיינען אַריבער אַ סך טעג. מיר זיינען אַלע געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט און פון דאָרף צו דאָרף. דער וועג איז געווען אַ שווערער. אַ סך קינדער זיינען אויפן וועג קראַנק געוואָרן און איניקע פון זיי זיינען געשטאָרבן. צום סוף בין איך אָנגעקומען אין אַ וויטן דאָרף אַריין. די וועכטער[1] האָבן מיך געבראַכט צו אַ רוסישער פאַמיליע און דאָרט איבערגעלאָזט. דער הויפּט[2] פון דער פאַמיליע האָט געהייסן פּיאָטער און די פרוי אַנאַ. פּיאָטער און אַנאַ האָבן געהאַט אַ בת-יחידה[3], מאַרישאַ האָט זי געהייסן. מאַרישאַ איז געווען דרייצן יאָר אַלט. זי איז געווען אַ שיין און גוט מיידל.

[1] Guard. [2] Head. [3] Only daughter.

אין יענעם דאָרף זיינען געווען אַ סך געכאַפּטע קינדער. אי־בער יעדער הונדערט געכאַפּטע איז געווען אַ רוסישער אויפזע־ער[4], אַן עלטסטער. יעדן אין דער פרי האָבן זיך די קינדער גע־דאַרפט צונויפנעמען פאַרן הויז פון דעם עלטסטן און מאַכן מיליטערישע איבונגען. נאָר איך בין אַהין ניט געגאַנגען, ווייל פּיאָטער, מיין בעל-הבית, האָט געוואָלט אַז איך זאָל אים אין יענער צייט העלפן ביי דער אַרבעט אין הויז און אין פעלד און ער האָט געפּועלט[5] ביי דעם עלטסטן מען זאָל מיך באַ־פרייען פון די איבונגען. נאָר איינמאָל אַ וואָך האָב איך גע־דאַרפט גיין און מיטמאַכן די מיליטערישע איבונגען.

פּיאָטער איז געווען אַ גוטער מענטש. ער האָט תמיד צו מיר פריינטלעך גערעדט. ער האָט מיך געלערנט: „עס איז גוט צו זיין אַ סאָלדאַט. ווען דו וועסט אויסוואַקסן וועסטו ווערן אַן אָפיציר. די סאָלדאַטן וועלן דיר אָפּגעבן כבוד. וועסט גיין אין מלחמה אַריין און ווערן אַ גרויסער העלד. דער צאַר אַליין וועט צו דיר רעדן . . .!“

פּיאָטער האָט מיר דערציילט אַ סך מעשיות און לעגענדעס — אַלץ אין רוסיש. אַזוי האָב איך מיך אויסגעלערנט צו פאַר שטיין און רעדן רוסיש.

אַנאַ, די פרוי פון פּיאָטערן, איז געווען אַ שלעכטע פרוי. זי איז די גאַנצע צייט געזעסן אין דער היים. זי איז ניט געגאַנגען צו די שכנות. די שכנות זיינען אויך ניט געקומען צו איר. אפילו פּיאָטער האָט פאַר איר מורא געהאַט. אַ גרויסער כוח איז געלעגן אין אַנאַס אויגן. פּיאָטער האָט מורא געהאַט אין זיי אַריינצוקוקן.

אַנאַ האָט מיך ניט ליב געהאַט. זי האָט מיך ניט גערופן ביי מיין ריכטיקן נאָמען, נאָר זי האָט מיך גערופן „זשידאָק“, קליין יידעלע. איך האָב גוט געוואוסט אַז זי זאָגט עס מיט שנאה[6] צו מיר.

די געכאַפּטע קינדער האָבן ניט געטאָרט אַרויסרעדן קיין יידיש וואָרט און אויך ניט דאַווענען. קיין פלייש האָט זי מיר ניט געגעבן צו עסן, ווייל פלייש איז ביי איר געווען טייער. זי האָט מיר נאָר געגעבן ברויט און גריינס. בלויז איינמאָל האָט זי מיר יאָ געוואָלט געבן פלייש צו עסן, אָבער איך האָב עס ניט געגעסן.

[4] Supervisor. [5] Had his way. [6] Hatred.

דעמאָלט איז זי שטאַרק אין כעס געוואָרן אויף מיר און געזאָגט, אַז זי וועט עס דערציילן דעם רוסישן עלטסטן. נאָר פּיאָטער איז געווען אַ גוטער מענטש און ער האָט זי ניט געלאָזט גיין צו דעם עלטסטן. ער האָט איר געזאָגט: „ער איז נאָך אַ קינד. ווען ער וועט עלטער ווערן, וועט ער קליגער ווערן."

איינער פון די געכאַפּטע קינדער, דאָס יידישע יינגל יעקב, האָט ניט געוואָלט עסן קיין טרייף פלייש [7] מען האָט עס דערציילט דעם עלטסטן און ער האָט באַפוילן מען זאָל דעם זינדיקן געבן צוואַנציק שמיץ [8]. ער האָט אויך באַפוילן, אַז די אַלע אַנדערע יינגלעך פון דאַרף זאָלן קומען און זען, ווי מען באַשטראָפט אָט דעם זינדיקן.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דעם אומגליקלעכן בחור. זיין פּנים איז געווען זייער בלייך און זיינע ליפּן האָבן עפּעס געשעפּטשעט [9] אפשר האָבן זיי געשעפּטשעט די תפילה „והוא רחום"...

פּלוצעם האָב איך געהערט אַ געשריי און נאָך אַ געשריי. דערנאָך איז געוואָרן שטיל... יעקב האָט מער ניט געשריגן. צען שמיץ האָט מען אים געגעבן און ער איז קראַנק געוואָרן, זייער קראַנק — און מען האָט אים אַוועקגענומען אין שפּיטאָל אַריין. אָבער דער עלטסטער האָט שטרענג געזאָגט: „ווען דער געשטראָפטער וועט צוריקקומען פון שפּיטאָל, וועלן מיר אים געבן די איבעריקע צען שמיץ."

איך בין צוריקגעגאַנגען אַהיים. דעם גאַנצן טאָג האָב איך געטראַכט וועגן דעם אומגליקלעכן יינגל. איך ווייס ניט, וואָס איך

[7] Not kosher. [8] Lash. [9] Whispered.

וואָלט געווען געטאָן, ווען אַנאַ וואָלט מיר דעמאָלט געגעבן צו עסן פלייש...

אין יענער נאַכט האָב איך געחלומט אַ חלום: דער אַלטער רב איז געשטאַנען לעבן מיר און געוויינט. גרויסע, הייסע טרערן זיינען געפאַלן פון זיינע אויגן . . .

מאַריושאַ די טאָכטער פון פּיאָטערן און אַנאַן, איז געווען אַ טשיקאַווע מיידל. זי איז געווען אַ שטיפערקע און אַ פריילעכע, אָבער ניט תמיד האָט זי געקענט זיין פריילעך. טייל מאָל פלעג איך זען אַ טיפן טרויער אין אירע אויגן. דעמאָלט האָט זי מיר אויסגעזען ווי אַן אַלטע פרוי און איר פנים איז געווען זייער ענלעך צו איר מוטערס פנים.



מאַריושאַ האָט ליב געהאַט מיט מיר צו רעדן. איך האָב אויך ליב געהאַט צו רעדן מיט איר. אָפט פלעגן מיר זיצן שעהן לאַנג און רעדן איינער מיטן צווייטן.

צומאָרגנס נאָך דעם טאָג וואָס מען האָט געשלאָגן יעקבן בין איך געווען זייער אומעטיק. מאַריושאַ האָט דערזען דעם אומעט אויף מיין פנים. איך בין אַרויס אין גאָרטן אַריין און מאַריושאַ איז גלייך צוגעקומען צו מיר. איך האָב איר דערציילט אַלץ וואָס עס איז געווען ביי מיר אויפן האַרצן. איך האָב איר אויך דערציילט וועגן יעקבן. מאַריושאַ האָט אויפגעציטערט[10]:

„פאַרוואָס האָט מען אים געשלאָגן?״ האָט זי מיך געפרעגט.

[10] Shuddered.

„ווייל ער האָט ניט געוואָלט עסן קיין פלייש און האָט גע-דאַוונט צו זיין גאָט.״

„פאַרוואָס האָט ער ניט געוואָלט עסן קיין פלייש?״ האָט זי פאַרוואונדערט געפרעגט.

„ווייל מען טאָר ניט עסן.״

„מען טאָר ניט? פאַרוואָס?״

איך האָב גאָרניט געזאָגט און מאַריושאַ האָט מער ניט גע-פרעגט.

עס זיינען אַריבער אייניקע מינוטן און מאַריושאַ האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף מיין אַקסל און געזאָגט:

„דיך וועט מען ניט שלאָגן.״

„פון וואַנען ווייסטו אַז מען וועט מיך ניט שלאָגן?״ האָב איך געפרעגט.

„ווייל דער עלטסטער איז אונדזער פריינט...״

„און אויב דיין מאַמע וועט אים דערציילן אַז איך וויל ניט עסן קיין פלייש?״

„אויב דער עלטסטער וועט דיך וועלן שלאָגן, וועל איך גיין און אים זאָגן: גיב בעסער מיר די שמיץ!״, האָט מאַריושאַ גע-ענטפערט און זיך שטאַרק צעלאַכט. אויך איך האָב געלאַכט. מיר האָבן ביידע לאַנג געלאַכט און אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס און פאַרוועז.

נאָך דער באַגעגעניש האָב איך דערפילט טיף אין מיין האַרצן אַז דאָס מיידל איז מיר זייער, זייער נאָענט.

ה. אַ גוטע חברטע

אַ לאַנגע צייט איז פון דעמאָלט אָן אַריבער. איך האָב שוין געקענט גוט רעדן רוסיש און געקענט אַרבעטן ווי אַ פּויער אין פעלד און אַרום דער שטוב. אויך מיין הונט, „דער האַוקער״ איז שוין געווען היימיש אין דעם נייעם אָרט.

איין מאָל בין איך געזעסן לעבן הויז. איך בין געווען זייער טרויעריק. ניט ווייט פון מיר איז געלעגן דער האַוקער און האָט אויך טרויעריק געקוקט אין דער ווייט אַריין. פּלוצעם איז אַנאַ צוגעקומען צו מיר און מיט כעס אַ זאָג געטאָן:

„פוילער ייד וואָס דו ביסט, פאַרוואָס טוסטו גאָרניט? עסן האָסטו ליב — פאַרוואָס זשע האָסטו ניט ליב צו אַרבעטן.״

איך בין גיך אויפגעשטאַנען פון מיין אָרט.
„גיי, כאַפּ דאָס קליינע חזירל!" האָט אַנאַ באַפוילן מיט אַ שטרענג קול.

איך האָב נאָך מיט אַ טאָג פריער געהערט פון איר מויל, אַז זי וויל מ'זאָל קוילן דאָס קליינע חזירל. מיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט רחמנות צו אָט דעם קליינטשיקן באַשעפעניש.

„עס איז אמת אַז עס איז אַ חזירל", האָב איך מיר געטראַכט, „עס איז דאָך אָבער פאָרט אַ בעל-חיים. ווי קען איך עס שעכטן? עס קען דאָך מיך אַזוי גוט?!"

איך האָב אָבער געמוזט כאַפּן דאָס חזירל. אַנאַ האָט מיר אַריינגעשטעקט אַ לאַנג מעסער אין דער האַנט אַריין. מיינע הענט האָבן געציטערט... מין גאַנצער גוף האָט געציטערט... אין אַ קורצער צייט אַרום איז שוין דאָס חזירל געווען טויט.

מיין הונט איז געשטאַנען פון ווייטנס און מיט גרויס צער געקוקט אויפן טויטן חזירל און אויף מיר.

ביינאַכט האָט זיך מיר געחלומט אַז איך שטיי פאַרן בית דין של מעלה[1]. אַ סך לעבעדיקע באַשעפענישן שטייען אַרום מיר און אַ קליין חזירל שטייט פאַרן שופט און שרייט אויף אַ קול: „ער האָט מיך געהרגעט..."

איך האָב מיך פלוצעם אויפגעכאַפּט און דערפילט אַז מיין האַרץ טוט מיר שטאַרק וויי... צו מאָרגנס האָט מיר אַנאַ געגעבן עסן פלייש פון דעם קליינעם חזירל. לעבן מיר איז געזעסן פיאָטער און ער איז געווען שטאַרק שיכור. איך האָב געקוקט אויף

[1] Heavenly court.

זיינע שיכורע אויגן און פלוצעם האָב איך דערהערט דאָס קול פון אַ חזיר . . . ווי עס וואָלט אַרויס פון מיין האַרץ — און איך האָב ניט געקענט מער עסן דאָס פלייש. איך בין אויפגעשטאַנען און אַרויסגעלאָפן פון עסצימער. אַנאַ האָט מיר נאָכגעשריגען מיט כעס:

„אַרויס פון מיין שטוב, דו שמוציק יידעלע! קום ניט מער צוריק אַהער!"

איך בין אַרויס און זיך אַוועקגעזעצט לעבן הויז. איך בין געווען זייער דערשלאָגן[2]. מיין הונט איז געזעסן לעבן מיר און געקוקט אויף מיר מיט צערפולע אויגן.

איך האָב מיר געטראַכט: „איך וועל מיך אומקערן אַהיים צו מיין מאַמען און טאַטן."

אָבער גלייך האָב איך מיך דערמאָנט וועגן דער בייטש און די קלעפּ וואָס מען קען כאַפּן און אַ גרויסע פאַרצווייפלונג[3] איז מיך באַפאַלן.

פלוצעם האָב איך דערפילט אַ צאַרטע[4] האַנט אויף מיין קאָפּ דאָס איז געווען די האַנט פון מאַריושאַן.

„פאַרוואָס זיצטו דאָ?" האָט מאַריושאַ געפרעגט.

„ווייל דיין מוטער האָט מיך אַרויסגעטריבן פונעם הויז."

„עס איז גאָרניט", האָט מאַריושאַ געזאָגט, „זי טוט תמיד אַזוי. דו קענסט זי ניט?"

[2] Depressed. [3] Despair. [4] Gentle.

„יאָ, איך קען זי. אָבער זי רופט מיך כסדר [5] יידעלע.‟

„וואָס־זשע אַרט עס דיך? ביסט דען ניט קיין ייד? אויב דו וועסט מיך רופן קריסטלעכע, וועל איך דען זיין אין כעס אויף דיר?‟

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

„וואָס מיינסטו איצט צו טאָן?‟, האָט מיך מאַריושאַ געפרעגט.

„איך וועל אַנטלויפן.‟

„דו ווילסט אַנטלויפן? — און מיר האָסטו גאָרניט געוואָלט זאָגן וועגן דעם?‟

מאַריושאַ האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אירע גרויסע אויגן. אַ שטאַרקע ליבע איז געווען אין איר בליק. פּלוצעם האָב איך דערפילט אַז איך האָב אַ גוטן פריינד אין אָט דעם הויז. איך האָב אָנגעהויבן צו וויינען. מאַריושאַ האָט אַרויפגעלייגט אירע צאַרטע הענט אויף מיין קאָפּ און מיין פּנים און איך האָב מיך גוט אויסגעוויינט. עס איז מיר אַזוי גוט געוואָרן. איך האָב דערפילט אַז אַ שווערער שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן.

„נו, ווילסט נאָך אַלץ אַנטלויפן?‟, האָט מיך מאַריושאַ געפרעגט מיט אַ מילד קול.

„ניין‟, האָב איך שטיל געענטפערט.

מאַריושאַ האָט מיך לאַכנדיק געפרעגט:

„און אַז איך וועל דיך רופן „יידעלע‟ וועסטו ברוגז ווערן אויף מיר?‟

„ניין, איך וועל ניט ברוגז ווערן.‟

„אויב אַזוי, ביסטו אַ גוט יינגל. זייער אַ גוט יינגל.‟ האָט מאַריושאַ געזאָגט און צוגעלייגט אירע הייסע ליפּן צו מיין האַלדז.

איך בין געווען גליקלעך.

[5] Constantly.

ו: ביינאַכט אין פעלד

אין יענער נאַכט בין איך ניט געשלאָפן אין שטוב. מאַריושאַ האָט מיר געבראַכט אַ זעקעלע פול מיט עסן און מיר געזאָגט:

„דער טאַטע האָט געהייסן אַז דו זאָלסט היינט ביינאַכט גיין פּאַשן [1] די פערד אין פעלד.‟

[1] To pasture.

איך האָב גענומען דאָס זעקעלע און בין אַוועק פּאַשן די פערד.
איך האָב זייער ליב געהאַט די נעכט אין פעלד. ווי גוט איז צו זיצן איין אַליין אויפן פעלד און קוקן אין הימל אַריין. דאָרט זעט מען די לבנה און די שטערן. און איך ווייס אַז אין דער זעלבער צייט שטייט דער טאַטע אין דרויסן פאַר אונדזער שטוב און איז מחדש די לבנה[2] און איך ווייס אַז גראַד אין דער זעלבער צייט קוקט די מאַמע אַרויף צו דעם זעלבן שטערן וואָס לייכט איצט צו מיר אין פעלד. איך און מיין מאַמע זעען דעם זעלבן שטערן. איך און מיין מאַמע זעען די זעלבע לבנה . . . און איך פיל אַז מיין טאַטע און מיין מאַמע זיינען איצט זייער נאָענט צו מיר. איך וויין און מיין מאַמע וויינט אויך אין דער זעלבער צייט. עס איז גוט זיך אויסצואוויינען ווען די נאַכט הערט זיך צו דיר צו און אויך די שטערן הערן דיך . . . אין דער רגע וואַקסט אין מיין האַרץ אויס אַ האָפענונג און איך הייב אָן גלייבן אַז עס וועט נאָך קומען אַ טאָג און איך וועל מיך אומקערן אַהיים.
אין יענער נאַכט בין איך געלעגן אויפן גראָז אין פעלד און געטראַכט וועגן מיין שטעטעלע. אָבער וואָס איז מיט מיר געשען? ניט מיינע אייגענע האָב איך געזען אין מיין דימיון[3] נאָר אונדזער אַלטן רב . . . אָט שטייט ער און קוקט אויף מיר מיט אַ כעס.
פאַרוואָס איז דער אַלטער רב אין כעס אויף מיר? וואָס האָב איך געזינדיקט? בין איך ניט קיין גוטער ייִד?
איך בין מיד געוואָרן און בין איינגעשלאָפן.
פלוצעם האָב איך דערהערט אַ קול. איך האָב געעפנט די אויגן און עס איז מיך באַפאַלן אַ שרעק. איך בין גיך אויפגעשטאַנען. די לבנה איז מער ניט געווען אין הימל. עס איז געווען פינצטער אַרום און אַרום. איך האָב אפילו ניט געקענט זען די פערד. איך בין געגאַנגען אין דער פינצטער. איך בין געגאַנגען אין דער ריכטונג[4] פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דאָס קול.
איך גיי — און דאָס קול ווערט וואָס אַמאָל העכער. עס איז אַ קול פון געזאַנג, זייער זיס און באַטעמט.[5]
וואו און ווען האָב איך אַזאַ געזאַנג געהערט?
יאָ, איך ווייס. מיין טאַטע פלעגט זינגען דאָס ליד. אַלע ייִדן

[2] Bless the new moon. [3] Imagination. [4] Direction.
[5] Delicious.

ביי אונדז אין שטעטל פלעגן זינגען אָט דאָס ליד. עס איז אַ מזמור[6] פון תהלים:

... ווייל גאָט ווייסט דעם וועג פון די צדיקים און דער וועג פון די רשעים וועט אונטערגיין ...

איך גיי און הער זיך-צו צו דעם וואונדערלעכן ליד. נישטאָ מער קיין שרעק אין מיין האַרץ, נאָר פרייד, זייער גרויסע פרייד.

ווער זינגט עס אָט דאָ אין דער נאַכט, דאָ אין אָט דעם פעלד, אין אַ פרעמד, ווייט לאַנד? ווער זינגט דאָ די מזמורים פון תהלים? איך וויל שטאַרק זען אָט דעם וואָס זינגט ...

און דאָס געזאַנג ווערט אַלץ זיסער און איך קען מיך ניט באַהערשן[7] און הייב-אָן מיטזינגען. איך זינג הויך אויף אַ קול:

... די מלכים פון דער ערד שטעלן זיך אויף ...

פלוצעם האָב איך דערהערט טריט.

„ווער איז דאָרט?", האָט עמיצער געפרעגט אויף יידיש.

„איך. און ווער איז דאָרט?", האָב איך גערעדט אויף יידיש.

„מיר!", האָבן אייניקע קולות מיט אַמאָל געענטפערט.

„געכאַפּטע?"

„אַ געכאַפּטער?"

דאָס זיינען געווען דריי „געכאַפּטע" יינגלעך, וואָס האָבן געלעבט אין אונדזער דאָרף. זיי זיינען אויך אַרויס אין דער נאַכט צו פאַשן די פערד. יעקב, שמעון און ראובן. געדענקט איר יעקבן? דאָס איז דער יעקב, וואָס האָט ניט געוואָלט עסן קיין טריף פלייש און דער עלטסטער האָט אים געהייסן דערלאַנגען צוואַנציק שמיץ.

פון צייט צו צייט פלעגן אָט די יינגלעך זיך פאַרזאַמלען אין אַ טאָל אויפן פעלד און דאָרט דאַווענען און זינגען מזמורים פון תהלים. דער טאָל איז געוואָרן אַ מין שול פאַר זיי.

עס איז גראָד געווען די נאַכט פון תשעה באָב[8], זיינען זיי זיך דערפאַר צונויפקומען אין „זייער שול" צו דאַווענען.

„פאַרוואָס זינגט איר עפּעס די מזמורים פון תהלים און זאָגט ניט בעסער קיין קינות[9], עס איז דאָך תשעה באָב?" האָב איך געפרעגט ביי מיינע נייע חברים.

[6] Hymn. [7] Control.

[8] Ninth day of Ab, the day of the destruction of the Temple.

[9] Lamentations.



„מיר געדענקען ניט די קינות אויף אויסנוויייניק,‟ האָט מיר יעקב געענטפערט, „אָבער מיר געדענקען אייניקע קאַפּיטלעך תהלים. מיין טאַטע פלעגט זאָגן: דו מעגסט דאַוונען וואָס פאַר אַ תפילה דו געדענקסט נאָר. ווייל די תפילות זיינען דאָך גע-שריבן אין לשון קודש און אַלע לשון-קודשדיקע ווערטער זיינען הייליק. גאָט זעט דיין האַרץ און ער ווייסט דיינע מחשבות. מיר זינגען טאַקע די מזמורים פון תהלים, און גאָט הערט די קינות וואָס קומען אַרויס פון אונדזער האַרץ . . .‟

ווי שיין און גוט זיינען געווען יעקבס ווערטער. איך האָב פּלו-צעם דערפילט אַז איך בין מער ניט אַליין, אַז איך בין אַ טייל פון אַ קליינער יידישער קהילה.[10]

איך האָב אָנגעהויבן זינגען „על נהרות בבל‟, דאָס ליד האָב איך געקענט אויף אויסנוויייניק, מיינע חברים האָבן מיט מיר מיט-געזונגען:

„ביי די טייכן פון בבל, דאָרטן זיינע מיר געזעסן און גע וויינט אַז מיר האָבן זיך דערמאָנט אָן ציון.‟

מיר האָבן געזונגען דאָס ליד, און גרויסע הייסע טרערן האָבן זיך אונדז געגאָסן פון די אויגן. מיט יאָרן צוריק זיינען יידן

[10] Community.

געזעסן ביי די טייכן פון בבל און געוויינט ווען זיי האָבן זיך דערמאָנט אין זייער היים אין ציון. און מיר, יידישע יינגלעך, געכאַפּטע, זיצן אין אַ פרעמד לאַנד און וויינען ווען מיר דער־מאָנען זיך אין אונדזער היים.

אין יענער נאַכט, די נאַכט פון תישעה־באָב האָט זיך ביי מיר אָנגעהויבן אַ ניי לעבן.

איך האָב זייער ליב באַקומען מיינע חברים און מער פון אַלע—יעקבן. יעקב איז געוועזן ווי אַ מין רב פאַר אונדזער קליינער קהילה. אין די נעכט פלעגן מיר זיך טרעפן אין אונדזער „שול״ אין טאָל. דאָרט האָבן מיר אינאיינעם געדאַוונט און געזונגען. יעקב האָט אונדז געלערנט די דינים און די מצוות: וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר ניט. און די וויכטיקסטע זאַך האָט ער אונדז געלערנט אַז מען דאַרף זיין גוטע יידן. „אפילו אויב מען וועט אייך שמייסן מיט בייטשן, זאָלט איר ניט פאַרגעסן אַז איר זענט יידן!״

ז: ווער איז אַנאַ?

עס איז געווען אַ קריסטלעכע חגא.[1] דעם נאָמען פון דער חגא געדענק איך ניט. שווער זיינען פאַר מיר געווען די קריסט־לעכע פייערטעג אין דעם ווייטן דאָרף. דעמאָלט פלעג איך מיך נאָך מער דערמאָנען אין די יידישע יום טובים און שבתים אין טאַטנס הויז. און מיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט בענקשאַפט. אַ גרויס פייער האָט געברענט אין מיר און ימען וואָלטן עס ניט געקענט פאַרלעשן.

אין איינעם פון די פייערטעג איז פּיאָטער אַהיימגעקומען און געווען שיכור. ער איז געווען אין זייער אַ פריילעכער שטימונג.[2] ער האָט מיר און מאַריושאַן געגעבן צוקערלעך, געטאַנצט מיט אונדז אַרום טיש, געזונגען לידער און געלאַכט אויף אַ קול.

אַנאַ איז זייער אין כעס געוואָרן אויף פּיאָטערן און אים גע־זידלט, גערופן: שיכור און אַנדערע צונעמען.[3] איז פּיאָטער אויך זייער אין כעס געוואָרן און גערופן אַנאַן „זשידאָווקאַ״, יידישקע.

איך האָב דערזען דאָס פנים פון אַנאַן — עס איז געוואָרן ווייס ווי שניי. איך האָב אויך אַ קוק געטאָן אויף מאַריושאַס פנים און געזען אַז עס איז געוואָרן רויט ווי פייער.

[1] Non Jewish holiday. [2] Mood. [3] Nickname.

„וואָס טוט זיך דאָ?" האָב איך אַ טראַכט געטאָן ביי זיך: „קען דאָס אמת זיין אַז אַנאַ איז אַ יידיש קינד?"

צומאָרגנס האָט מיר מאַריושאַ דערציילט די גאַנצע מעשה:

„די דאָרפסלייט זאָגן אַז מיין מוטער איז אַ יידישקע. ווען דער טאַטע איז שיכור, וואַרפט ער איר אויס[4] אַז זי איז אַ „זשידאָווקאַ". איך האָב שוין אייניקע מאָל געפרעגט מיין מאַמען צי עס איז אמת, נאָר זי ווערט אין כעס און ענטפערט מיר ניט. מיין טאַטע האָט ליב יידן. איך אויך. אָבער די מאַמע האָט זיי פיינט. איך ווייס ניט פאַרוואָס."

איך האָב געהערט מאַריושאַס דערציילונג און מיר געטראַכט:

אויב עס איז אמת אַז אַנאַ איז אַ יידישע פרוי, איז אויך מאַריושאַ יידיש...

נאָך די געשעענישן האָב איך אַ סך געטראַכט וועגן אַנאַן און מאַריושאַן. איך האָב זייער געוואָלט וויסן דעם אמת. און עס איז געקומען אַ טאָג און איך האָב זיך דערוואוסט דעם גאַנצן אמת.

פּיאָטער אין דעמאָלט ניט געווען אין דער היים. ער איז אַוועק אין אַ צווייטן דאָרף. אין דעם טאָג האָט אַנאַ מיר געגעבן אַ שווערע אַרבעט צו טאָן. זי האָט מיך אויך שטאַרק געשלאָגן. עס איז געוואָרן נאַכט. איך בין שוין געלעגן אין בעט. פלוצעם האָב איך געהערט דאָס קול פון אַנאַן:

„גיי, פאַרמאַך די טיר!" זי איז געזעסן אין צווייטן צימער.

איך בין ניט געגאַנגען פאַרמאַכן די טיר. איך בין געבליבן ליגן אין בעט און ניט געענטפערט. איך האָב מיך געמאַכט על־היי איך שלאָף. עס זיינען אַריבער אייניקע מינוטן. איך האָב אָנגעהויבן רעדן אויף יידיש מיט אַ משונהדיק קול, ווי איך וואָלט גערעדט פון שלאָף אַרויס:

„מאַמע, טו גאָרניט אַנאַן! זי איז אויך אַ מאַמע. זי האָט אַ טאָכטער. האָב רחמנות אויף איר טאָכטער"

איך האָב אויף אַ מינוט אויפגעעפנט די אויגן. די טיר איז געווען אָפן און דורך דער עפענונג האָב איך געזען אַנאַן אין צווייטן צימער. אַ ליכט האָט געברענט אויפן טיש לעבן איר בעט. אַנאַס פנים איז געווען פול מיט טרויער און שרעק.

[4] Criticize.

איך האָב ווידער אויסגעשריגן מיט אַ דערשטיקטן קול, ווי איך וואָלט גערעדט פון שלאָף אַרויס: „איך בעט דיך, מאַמע! אַנאַ האָט מיר קיין שלעכטס ניט געטאָן. זי גיט מיר עסן. זי איז אויך אַ מאַמע . . .״

און איך האָב אָנגעהויבן וויינען.

אייניקע מינוטן שפּעטער האָב איך געפרעגט:

„מאַמע, איז אמת אַז אַנאַ איז אַ יידיש קינד?״

דערנאָך האָב איך ווידער פאַרזיכטיק געעפנט די אויגן און געזען: אַנאַ איז צו ערשט צוגעגאַנגען צו מאַריושאַס בעט און אַ קוק געטאָן צי זי שלאָפט. אַנאַ האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט צי איר טאָכטער הערט ניט מיינע רייד. שפּעטער איז זי צוגעקומען צו מיין בעט און מיך מילד געפרעגט:

„דו שלאָפסט? שטיי אויף מיין גוט יינגעלע, שטיי אויף!״

איך האָב געעפנט מיינע אויגן ווי איך וואָלט מיך ערשט אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

„פאַרוואָס האָסטו געוויינט?״ האָט אַנאַ געפרעגט.

״איך האָב געחלומט אַ שלעכטן חלום״ האָב איך מיך פאַרענטפערט.

„וואָס פאַרא חלום?״ האָט אַנאַ געפרעגט.

איך האָב געשוויגן.

CHILDREN'S LIBRARY
JEWISH PUBLIC LIBRARY
BIBLIOTHEQUE JUIVE PUBLIQUE
MONTREAL

יידישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה היהודית העממית

„דערצייל, מיין קינד, דערצייל!" האָט זיך אַנאַ געבעטן ביי מיר.

„איך האָב אין חלום געזען מיין מאַמען."

„לעבט זי נאָך?" האָט אַנאַ נערוועז געפרעגט.

איך האָב איר ניט געזאָגט דעם אמת:

„ניין, זי איז געשטאָרבן."

„און וואָס האָט דיר דיין מאַמע געזאָגט אין חלום?" האָט זי ניט אויפגעהערט צו פרעגן.

„זי האָט געזאָגט אַז . . ."

„דערצייל, דערצייל, טייער יינגעלע!"

„איך קען עס ניט דערציילן אויף רוסיש . . ."

„דערצייל עס אויף יידיש!" האָט אַנאַ געזאָגט.

„די מאַמע האָט מיר געזאָגט, אַז אויב אַנאַ וועט דיך ווידער פייניקן[5] וועל איך קומען ביינאַכט און אַוועקנעמען ביי איר די נשמה . . ."

איך האָב געזען אַז אַנאַס פנים איז מיט אַמאָל געוואָרן ווייס ווי שניי.

איך האָב פאָרגעזעצט:[6]

„מיין מאַמע האָט מיר אויך געזאָגט: אַנאַ איז אַ יידישע טאָכ-טער — דאַרף זי רחמנות האָבן אויף יידישע קינדער . . ."

[5] Torture. [6] Continued.

ח: אַנאַ ווערט אַ מוטער צו די געכאַפּטע קינדער

פון דער נאַכט אָן איז אַנאַ געוואָרן אַן אַנדער מענטש. זי האָט צו מיר גערעדט נאָר גוטע רייד. ווען קיינער איז ניט געווען אין שטוב, האָט זי אפילו גערעדט צו מיר אויף יידיש . . . עס איז ניט אַריבער קיין סך צייט און אַנאַ האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו מיר אויף יידיש אפילו אין דער אָנוועזנהייט[1] פון מאַריושאַן.

איינמאָל האָט מיר אַנאַ דערציילט וועגן איר פאָטערס און מוטערס היים און טרערן האָבן זיך איר געקייקלט פון די אויגן. דעמאָלט האָב איך פאַרשטאַנען אַז אין האַרצן איז אַנאַ געבליבן אַ יידישע פרוי . . .

מיינע חברים יעקב און די אַנדערע יינגלעך האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען צו אונדז אין שטוב אַריין. ווען פּיאָטער איז ניט גע-

[1] Presence.

ווען אין דער היים, האָבן מיר צווישן זיך גערעדט נאָר יידיש. אויך מאַריושאַ האָט זיך אויסגעלערנט רעדן אויף אונדזער לשון. דאָס הויז פון פיאָטערן איז געוואָרן דאָס הויז פון אונדזער קליי־נער קהילה — און אַנאַ איז געוואָרן ווי אַ מוטער צו די געכאַפּטע.

איינמאָל זיינען מיר געזעסן אין שטוב און גערעדט צווישן זיך יידיש. פיאָטער איז שטילערהייט אַריינגעקומען און זיך אַוועק־געזעצט צווישן אונדז. נאָר מיר האָבן אים ניט געזען. צוביסלעך האָט ער אויך אָנגעהויבן צו רעדן יידיש צו אונדז. האָט מאַריושאַ עס דערהערט און פריילעך געפרעגט:

„טאַטע, דו קענסט אויך רעדן יידיש?"

פיאָטער האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט:

„אוודאי[2] קען איך."

דעמאָלט האָב איך מיר אַ טראַכט געטאָן: ווער ווייסט אפשר איז פיאָטער אויך אַ ייד . . .

האָב איך איינמאָל אַ פרעג געטאָן אַנאַן:

„איז פיאָטער אַ ייד?"

אַנאַ האָט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און מיר דער־ציילט:

„ניין, פיאָטער איז ניט קיין ייד, אָבער ער איז אויסגעוואַקסן צווישן יידן. אַלע זיינע חברים זיינען געווען יידן און ער האָט

[2] Certainly.

זיך פון זיי אויסגעלערנט צו רעדן יידיש. פיאָטער איז אַ גוטער מענטש און ער האָט ליב יידן. דערפאַר האָב איך מיט אים חתונה געהאַט".

„ווי האָט געהייסן דאָס שטעטל וואו איר האָט געלעבט?" האָב איך געטאָן אַ פרעג.

אַנאַ האָט אָנגערופן דעם נאָמען פון מיין אייגן שטעטל. אַ ציטער איז אַדורך דורך מיין לייב.

„און ווי האָט געהייסן אייער טאַטע?" האָב איך ווייטער גע־פרעגט.

„בעניט."

„ער איז געווען אַ ווייַנשענקער[3]" האָב איך געטאָן אַ טרעף.

„וויאַזוי ווייסטו דאָס?" האָט זיך אַנאַ געוואונדערט. „ביסט אפשר אויך פון דעם זעלבן שטעטל?"

„יאָ", האָב איך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

„און ווי האָט געהייסן דיין טאַטע?" האָט זי געוואָלט וויסן. איך האָב איר געזאָגט דעם נאָמען פון מיין טאַטן.

ט: אַ שווער לעבן

שווער איז געווען אונדזער לעבן, דאָס לעבן פון יידישע קינ־דער אין אַ ווייט לאַנד. אַ סך צרות האָבן מיר איבערגעלעבט. מיר האָבן אָבער ניט פאַרגעסן אונדזער אַמאָליקע היים, ניט פאַרגעסן אַז מיר זיינען יידן.

מיר האָבן ניט געקענט אָפּהיטן אַלע מצוות פון דער תורה. מיר האָבן ניט געקענט זאָגן קיין יידישע תפילות אויף אַ קול. אויב עמעצער פון אונדז האָט געזאָגט „מודה אני", האָט מען אים געשמיסן מיט בייטשן. אויב ער האָט געזונגען אַ מזמור פון תהלים האָט מען אים אויך געשמיסן. דערפאַר האָבן מיר גע־זאָגט די תפילות טיף אין האַרצן. מ'דאַוונט און קיינער הערט ניט קיין קול, נאָר גאָט הערט.

יעדע יידישע זאַך איז אונדז געווען הייליק און טייער. מיר האָבן ליב געהאַט די תורה, דאָס דאַוונען און דאָס יידישע לשון מיטן גאַנצן האַרצן.

[3] Wine merchant.

יעדן שבת האָבן מיר גערוט אַ שעה. יעדן שבת האָבן מיר גערעדט יידיש — און אַזוי האָבן מיר ניט פאַרגעסן אונדזער שפּראַך.

פיינלעך איז געווען אונדזער לעבן, דאָס לעבן פון יונגע סאָלדאַטן אין דער רוסישער אַרמיי. שטרענג זיינען געווען די מיליטערישע איבונגען. אויב מען האָט ניט גוט אויסגעפירט די מינדסטע[1] זאַך האָט מען גלייך באַקומען אַ האַרבע שטראָף: צוואַנציק שמיץ און אַמאָל נאָך מער.

איין מאָל שבת האָט זיך מיט מיר געטראָפן[2] אַזאַ מעשה: איך האָב ניט געקענט ווי עס באַדאַרף צו זיין שטיין אויף איין פוס. איך האָב געהאָפט אַז דער עלטסטער וועט מיך ניט זען און איך וועל געראַטעוועט ווערן פון דער שטראָף. נאָך אייניקע מינוטן האָב איך מיך ניט באַהערשט און אַ שעפּטשע געטאָן צו יעקבן אויף יידיש:

„היינט איז דאָך שבת, איז ווען זשע וועלן מיר רוען?"

גלייך ווי עס האָבן זיך געענדיקט די איבונגען, איז צו נ׳יר צוגעגאַנגען דער אָפיציר און אַ זאָג געטאָן מיט כעס:

„צוויי גרויסע זינד האָסטו היינט געזינדיקט: ביסט נ׳ט גוט געשטאַנען אויף איין פוס ביי די איבונגען און האָסט גע־רעדט אויף יידיש צו דיין חבר. מאָרגן וועסטו באַקומען דיין שטראָף: צוואַנציק שמיץ."

איך האָב רואיק אויסגעהערט די ווערטער פון דעם אָפיצ׳ר און געענטפערט:

„איך בין גרייט, מיין האַר אָפיציר. מאָרגן וועל איך זיך מעלדן צו באַקומען די שטראָף!"

דאָס איז דעם אָפיציר געפעלן געוואָרן און ער האָט אַ זאָג געטאָן צופרידן:

„איך זע אַז דו ביסט אַ גוטער סאָלדאַט, דערפאַר וועל איך דיר מאַכן גרינגער. איך וועל דיר צעטיילן די שטראָף אויף צווייען: צען שמיץ — מאָרגן און צען שמיץ אין אַ צייט אַרום."

„מיין האַר", האָב איך געזאָגט, „איך וואָלט בעסער געוואָלט באַקומען פינף און צוואַנציק שמיץ מיט איין מאָל איידער צוואַנ־ציק צעטיילט אויף צוויי מאָל . . ."

[1] Least. [2] Happened.

„פאַרוואָס?״ האָט דער אָפיציר זיך געוואונדערט.

„ווייל אַ סאָלדאַט דאַרף זיין מוטיק און ניט מורא האָבן פאַר קיין קלעפּ...״

דער אָפיציר האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט:

„אויב אַזוי וועל איך דיר הייסן געבן נאָך צען שמיץ.״

דעמאָלט איז יעקב צוגעגאַנגען צו דעם אָפיציר און געזאָגט:

„מיין האַר, ער האָט קיין שום שלעכטס ניט געטאָן. דאָס האָב איך צו אים גערעדט אויף יידיש און ער האָט גאָרניט געזאָגט. איך בין גרייט צו באַקומען די שטראָף.״

„עס איז זייער שיין פון דיר״, האָט דער אָפיציר זיך ניט גע־לאָזט, „עס איז זייער שיין צו נעמען די שטראָף אויף זיך. דו האָסט ליב דיין חבר. יעדער רוסישער סאָלדאַט דאַרף אַזוי האַנדלען... אָבער איך ווייס אַז ער האָט גערעדט צו דיר און ניט דו צו אים...״

די גאַנצע קומענדיקע נאַכט האָב איך ניט געקענט שלאָפן. איך האָב געטראַכט וועגן די שמיץ וואָס איך וועל באַקומען און וועגן די שמערצן וואָס איך וועל האָבן. אמת, עס איז נאָר צען שמיץ אָבער יעדער איינער רייסט אָפּ אַ שטיק הויט פון קערפּער....

אין דער פרי בין איך אויפגעשטאַנען און געוואָלט גיין צו דעם אָפיצירס הויז. מאַריושאַ איז נאָך געלעגן אין איר בעט. אַנאַ האָט מיך געזען און געפרעגט:

„וואוהין גייסטו?״

איך האָב איר אַלץ דערציילט. איך האָב געזען טרערן אין אירע אויגן.

איך בין אַרויס פון הויז און אַוועק צו דעם אָפיצירס שטוב. אויפן וועג האָב איך באַגעגנט אַ סך מענטשן, איך האָב זיי אָבער ניט געזען. נאָר איין זאַך האָבן מיינע אויגן געזען פאַר זיך: די בייטש.

איך בין צוגעקומען צו דעם אָפיצירס הויז. איך האָב גע־וואַרט לעבן דער טיר, אַז דער אָפיציר זאָל אַרויסקומען. און אָט הער איך אַ קול, וואָס קומט פון הויז אַרויס. וועמענס איז דאָס קול? פון וואַנען קען איך עס?

עס האָט זיך געעפנט די טיר. פאַר מיר איז געשטאַנען מאַ־ריושאַ.

„מאַריושאַ, וואָס טוסטו דאָ?!"

מיט מאַריושאַן איז אַרויס פון הויז דער אָפיציר. ער האָט געגלעט די האָר פון מאַריושאַן און מיר געזאָגט:

„דאָס שיינע מיידל איז געקומען מיך בעטן איך זאָל דיר מוחל זיין[3]. איך בין דיר מוחל. גיי אַהיים."

איך בין אַהיים געגאַנגען און געטראַכט וועגן מאַריושאַן. זי איז געווען אַ טייערע חברטע און אַ גוט מיידל. איך האָב זי געוואָלט זען און איר זאָגן אַ דאַנק. איך האָב אויך געוואָלט זי פרעגן מיט וועלכן וועג זי איז געקומען צו דעם אָפיציר.

און אָט גייט זי, אָט איז מאַריושאַ!

איך בין איר נאָכגעלאָפן און גערופן:

„מאַריושאַ, מאַריושאַ!"

זי האָט ניט געענטפערט:

„דאָס טוסטו מיר, מאַריושאַ?", האָב איך אויסגערופן און טרערן זיינען געשטאַנען אין מיינע אויגן. אָבער מאַריושאַ האָט אויף מיר ניט געוואַרט.

[3] Pardon.

י: „אַ דאַנק" מאַריושאַן

ערשט מיט אַ סך יאָרן שפּעטער האָב איך געקענט אָפּצאָלן אַ טובה[1] מאַריושאַן פאַר דער טובה וואָס זי האָט מיר געטאָן.

אין יענער צייט בין איך שוין געווען אַ גרויסער בחור און אַ גוטער סאָלדאַט. דער אָפיציר מיינער האָט מיך ליב געהאַט און מיך גערופן מיטן שיינעם נאָמען: דער פלינקער[2].

עס איז געווען אַ שווערער ווינטער. די קעלט איז געווען גרויס און אַ סך שניי איז געלעגן אויף דער ערד. צוליב דעם שניי און דער קעלט האָבן די פּויערים ניט געקענט אַרויס צו דער אַרבעט. וואָס זשע האָבן זיי געטאָן? זיי האָבן געפּראַוועט[3] חתונות. כמעט יעדן טאָג איז געווען אַ חתונה אין דאָרף. איך האָב ליב געהאַט צו קומען צו די פּויערישע חתונות. איך האָב ליב געהאַט צו זען די טענץ און הערן די געזאַנגען פון די דאָרפסלייט.

[1] A favour. [2] Agile, swift, [3] Celebrated.

איינמאָל איז געווען אַ חתונה אין הויז פון אַ רייכן פויער. צו דער חתונה זיינען געקומען אַלע רייכע איינוואוינער פון דאָרף. אויך מיין אָפּיציר איז געקומען צו דער חתונה. אויך מאַריושאַ און איך זיינען דאָרטן געווען.

דעם גאַנצן אָוונט האָט דער אָפּיציר געטאַנצט מיט מאַר־יושאַן. אַלע מיידלעך האָבן מאַריושאַן מקנא געווען[4]. און אַלע בחורים האָבן געקוקט מיט קנאה אויפן אָפּיציר. פּלוצעם האָט פּאַסירט אַ שרעקלעכע זאַך: סערגיי, דער זון פון דעם דאָרפס עלטסטן, איז צוגעגאַנגען צו מאַריושאַן און זי אָנגערופן אויף אַ קול: „זשידאָווקאַ". אַלע מיידלעך האָבן אָנגעהויבן לאַכן. מאַריושאַ האָט אַ קוק געטאָן צו מיר און איך האָב געזען גרויס צער אין אירע אויגן. מיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט כעס אויף דעם שלעכטן בחור. איך בין גיך צו אים צו און אים אָנגעכאַפּט ביים קאַרק[5].

„אַנטשולדיק זיך פאַר מאַריושאַן!", האָב איך אים באַפוילן.

סערגיי האָט מיך געפאָלגט און זיך אַנטשולדיקט פאַר איר. דער אָפּיציר האָט אַ שמייכל געטאָן צו מיר, ווי ער וואָלט גע־זאָגט: האָסט גוט געטאָן . . .

איך בין אַרויס מיט מאַריושאַן אין דרויסן. מאַריושאַ האָט פאַר מיר געוויינט. מיר זיינען ביידע געגאַנגען אויפן ווייסן שניי. פון דעם חתונה־הויז זיינען אונדז נאָכגעלאָפן פאַרשיי־דענע קולות. אָבער אַלע קולות זיינען אין מיינע אויערן געווען ווי איין קול וואָס שרייט אונדז נאָך: זשידעס!

אַ לאַנגע צייט האָבן מיר שפּאַצירט אויפן שניי. מיר האָבן מער ניט געהערט די קולות פון דער חתונה. מאַריושאַ האָט מער ניט געוויינט. עס איז געווען שטיל אַרום און פריילעך אין אונדזערע ביידנס הערצער.

[4] Envy. [5] Neck.

י״א: איך גיי אוועק אין דער מלחמה אריין

אַ שלעכטע צייט איז געקומען אויף אַנאַן און מאַריושאַן. פּיאָטער איז קראַנק געוואָרן און איז דערנאָך געשטאָרבן. ער האָט איבערגעלאָזט אַ הויז און אַ פעלד. אַ סך יאָרן איז געווען

אַ קריגעריי צווישן פּיאָטערן און זיינע קרובים [1] וועגן דעם הויז און דעם פעלד. איצט, ווען פּיאָטער איז געשטאָרבן איז דאָס פעלד אַריבער צו זיינע קרובים: דער עלטסטער פון דאָרף און זיין זון סערגיי.

איך האָב געזען אַז אַנאַ און מאַריושאַ זיינען אויף צרות און איך האָב זייער רחמנות געהאַט אויף זיי. איינמאָל איז געקומען אַ שליח [2] פון סערגייען צו אַנאַן און מאַריושאַן. דער שליח האָט זיי אַזוי געזאָגט:

„סערגיי, דער זון פון דאָרפס-עלטסטן, וויל חתונה האָבן מיט מאַריושאַן. אויב מאַריושאַ וועט מסכים זיין [3] מיט אים חתונה צו האָבן, וועט ער אייך צוריקגעבן דאָס הויז און דאָס פעלד.“

אַנאַ האָט גלייך געענטפערט:

„גוט, איך בין מסכים.“

מאַריושאַ האָט אויפגעהויבן די אויגן צו מיר ווי זי וואָלט געפרעגט מיין עצה.

איך האָב איר געזאָגט:

„איך מיין אויך אַז עס איז אַ גוטע זאַך.“

מאַריושאַ האָט מיר געענטפערט זייער אין כעס:

„דו ביסט אַ ליגנער! . . .“

מאַריושאַ איז געווען גערעכט. איך האָב ניט געזאָגט וואָס איך האָב געמיינט. אין דער אמתן האָב איך ניט געוואָלט אַז מאַריושאַ זאָל חתונה האָבן מיט סערגייען.

מאַריושאַ האָט געענטפערט דעם שליח:

„גיי, זאָג סערגייען אַז איך וועל ניט חתונה האָבן מיט אים.“

דער שליח איז אַוועקגעגאַנגען.

דעמאָלט האָב איך מיר געטראַכט: איך מוז איצט העלפן אַנאַן און מאַריושאַן.

אַזוי האָב איך באַשלאָסן, אָבער עס איז דערפון גאָרניט געוואָרן. אין יענע טעג האָט אויסגעבראָכן די מלחמה צווישן רוסלאַנד און דער טערקיי. מיין רעגימענט איז גלייך פון אָנהייבאָן אַוועק אין דער מלחמה אַריין. איך האָב געמוזט פאַרלאָזן אַנאַן און מאַריושאַן.

[1] Relatives. [2] Messenger. [3] Consent. [4] Regiment.

פאַר מיין אַוועקגיין אין מלחמה אַריין האָט מיר מאַריושאַ געשענקט אַ קליין סידורל אַ מתנה. זי האָט דאָס סידורל געקויפט ביי אַ יידן וואָס איז געקומען אין דאָרף אַריין. איך האָב מיך זייער געפרייט מיט דער שיינער מתנה. איך האָב איר געוואָלט זאָגן אַ דאַנק נאָר ניט געקענט עפענען דאָס מויל.

מאַריושאַ האָט מיך געפרעגט:

„ווען דו וועסט צוריקקומען פון דער מלחמה . . .“

זי האָט ניט געענדיקט די פראַגע, אָבער איך האָב אַלץ פאַרשטאַנען און געענטפערט:

„. . . וועל איך צוריקקומען צו אייך.“

י״ב: אין דער מלחמה

אונדזער רעגימענט איז געקומען צו דעם שלאַכטפעלד[1]. יעקב און סערגיי זיינען געווען אין דער זעלבער אָפּטיילונג ווי איך. „דער האַווקער“, מיין געטרייער הונט, איז מיר אויך נאָכגעגאַנגען. ערשט איצט האָב איך פאַרשטאַנען צוליב וואָס מען האָט באַדאַרפט אַזויפיל מלחמה איבונגען: אונדזער אָפיציר האָט אונדז גוט צוגעגרייט צו דער מלחמה.

און די מלחמה איז געווען שרעקלעך. קוילן זיינען געפלויגן און סאָלדאַטן זיינען געפאַלן טויט. איין מאָל האָב איך געפונען דעם הונט מיינעם ליגן טויט. ער איז געפאַלן אין פעלד, ווי אַ בראַווער סאָלדאַט, צווישן אַ סך אַנדערע טויטע סאָלדאַטן. אויך מיין חבר יעקב איז געווען צווישן די געהרגעטע. איך בין געשטאַנען לעבן דעם גרויסן קבר פון די סאָלדאַטן און געזאָגט „קדיש“.

די מלחמה איז וואָס אַמאָל שווערער געוואָרן. סאָלדאַטן זיינען געפאַלן ווי די פליגן. ווער ווייסט, האָב איך ביי זיך געטראַכט, אפשר וועל איך אויך געהרגעט ווערן.

די רוסישע סאָלדאַטן זיינען צוביסלעך מיד געוואָרן, ניט געהאַט מער קיין כוח זיך צו שלאָגן. נאָר אָט איז געקומען אַ סאָלדאַט מיט דער רוסישער פאָן אין זיין האַנט און געלאָפן פאָראויס. די סאָלדאַטן האָבן דערזען די פאָן און אַ נייער כוח איז אין זיי אַריין.

[1] Battlefield.

פלוצעם איז אָנגעלאָפן אַ קויל און דער סאָלדאַט, וואָס האָט געטראָגן די פאָן, איז געטראָפן געוואָרן און אַוועקגעפאַלן אויף דער ערד. זיינען די סאָלדאַטן ווידער אַנטמוטיקט[2] געוואָרן און ניט געהאַט מער קיין כוח ווייטער צו קעמפן. אַ סך סאָלדאַטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן די פאָזיציעס און אַנטלויפן.

איך האָב אויך ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: צי זאָל איך בלייבן אויף מיין אָרט אָדער אַוועקלויפן ווי די אַנדערע. אָבער באַלד האָב איך דערפילט אַז ניין, איך בין אַ סאָלדאַט און אַ סאָלדאַט טאָר ניט אַנטלויפן. אַ סאָלדאַט דאַרף מלחמה האַלטן ביז צו דער לעצטער מינוט!

איך האָב באַמערקט אַז דער וואָס האָט געטראָגן די פאָן איז ניט געהרגעט געוואָרן. די קויל האָט אים נאָר פאַרוואונדעט די האַנט. בין איך צו אים צוגעלאָפן, אים געהאָלפן אויפהייבן זיך און אים אַריינגעשטעקט די פאָן אין זיין צווייטער האַנט אַריין.

„סאָלדאַטן, קומט אַהער!“, האָב איך געהערט אַ שרעקלעך קול שרייען. איך ווייס אַליין ניט וועמענס קול עס איז געווען. אפשר מיין אייגן קול . . .

[2] Discouraged.

גלייך האָט אַ טייל פון די סאָלדאַטן זיך אומגעקערט צום פראָנט אַטאַקירט און פאַרטריבן דעם שונא.

אין מיטן פון דעם קאַמף האָט אַ קויל געטראָפן מיין פוס. איך בין געפאַלן אויף דער ערד. איך ווייס ניט וואָס עס איז שפּעטער געשען, נאָר איין זאַך געדענק איך קלאָר: איך האָב געחלומט אַ חלום אַז איך בין אַ קליין יינגעלע. איך זיץ מיט מיין טאַטן אין שול און אַ נאַריש בחורל מאַכט זיך אַ שפּאַס און שטעכט מיך אין פוס אַריין מיט אַ נאָדל...

ווען איך האָב געעפנט די אויגן, האָב איך דערזען סערגייען. ער איז געלעגן לעבן מיר און האָט שטאַרק געקרעכצט.

סערגיי איז געווען אַ פאַלשער מענטש. קיין קויל האָט אים ניט געטראָפן, נאָר ער איז אומיסטן געלעגן אויף דער ערד און זיך געמאַכט ווי עפּעס טוט אים וויי... אַזוי האָט ער זיך געוואָלט אַרויסדרייען, ער זאָל ניט דאַרפן ווייטער מלחמה האַלטן.

„איך האָב געזען וואָס דו האָסט געטאָן מיט דער פאָן", האָט סערגיי צו מיר געזאָגט. „האָסט געטאָן אַ מוטיקע[3] זאַך. ווען איך וואָלט דאָס געטאָן וואָלט מען מיר דערפאַר געגעבן אַ באַזונדערע אויסצייכנונג. מען וואָלט מיך געמאַכט פאַר אַן אָפיציר. אָבער דיך וועט מען פאַר קיין אָפיציר ניט מאַכן, וויל דו ביסט אַ ייד."

„איז וואָס זשע ווילסטו?", האָב איך אים געפרעגט.

„איך וויל אַז דו זאָלסט אונדזער אָפיציר זאָגן, אַז דאָס האָב איך געהאָלפן דעם פאַנטרעגער אויפצוהייבן זיך און איך האָב אים געהאָלפן טראָגן די פאָן."

„און אויב איך וועל עס זאָגן, וואָס זשע וועסטו טאָן?", האָב איך אים ווידער געפרעגט.

„וועל איך דיר געבן אַ טייערע מתנה", האָט סערגיי צוגעזאָגט. „זאָג מיר נאָר וואָס דו ווילסט אַז איך זאָל דיר געבן."

„גיב מיר גאָרניט!", האָב איך געזאָגט, „נאָר גיב צוריק דאָס הויז און דאָס פעלד מאַריושאַן."

„גוט, איך בין מסכים", האָט סערגיי געזאָגט.

„שרייב עס אָן אויף אַ פּאַפּיר און שרייב דיך אונטער!" האָב איך אים געזאָגט.

[3] Brave.

„סערגיי האָט אויסגעזוכט אַ בלעטל פּאַפּיר, עס אויס-געשפּרייט אויף מיין רוקן און אַזוי אָנגעשריבן:

דאָס פעלד און דאָס הויז
געהערן מאַריושאַן
סערגיי.

פון דעם שלאַכטפעלד האָט מען מיך אין גיכן געבראַכט אין אַ שפּיטאָל אַריין. אַ סך טעג בין איך דאָרט געבליבן און ניט געוואוסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. איך האָב געזען אין חלום מיין טאַטן. די מאַמען. אַנאַן. געזען סאָלדאַטן. קוילן זיינען גע-פלויגן. איך האָב געפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין מיין קאָפּ.

איין מאָל האָב איך מיט אַמאָל געעפנט די אויגן און דער-זען, אַז מאַריושאַ שטייט לעבן מיר . . .

„ביסטו עס, מאַריושאַ?", האָב איך ציטערדיק געפרעגט און מיין האַרץ איז פול געוואָרן מיט פרייד.

„יאָ, יאָ", האָט זי געענטפערט. „איך בין עס, מאַריושאַ."

לעבן מאַריושאַן איז געשטאַנען אַנאַ.

„איז דאָס טאַקע אמת?", האָב איך מיך געפרעגט. „איז עס ניט קיין חלום?"

עס איז ניט געווען קיין חלום. אַנאַ און מאַריושאַ זיינען געווען קראַנקנשוועסטער [*] אין דעם מיליטערישן שפּיטאָל.

„מאַריושאַ, ברענג מיר אַהער מיין רעקל", האָב איך זי געבעטן.

מאַריושאַ האָט מיר געבראַכט דאָס רעקל. איך האָב אַרויס-גענומען פון דער קעשענע דאָס בלעטל פּאַפּיר און עס איר געגעבן צו לייענען. זי האָט געליינט אויף אַ קול: „דאָס הויז און דאָס פעלד געהערן מאַריושאַן. סערגיי."

„וויאַזוי האָסטו דאָס באַקומען?", האָבן אַנאַ און מאַריושאַ געוואָלט וויסן.

איך האָב זיי ניט געענטפערט ווייל איך האָב ניט געוואָלט אויפדעקן דעם סוד.

[*] Nurse.

י״ג: איך קער מיך אום אַהיים

ווען איך בין באַפרייט געוואָרן פון שפיטאָל איז שוין געווען שלום אויף דער וועלט און איך האָב זיך געקענט אומקערן אַהיים.

אויפן וועג אַהיים האָב איך אַ סך געטראַכט וועגן מיין טאַטן און מאַמען. אַ סך יאָרן זיינען אַוועק פון דער צייט, וואָס איך בין פון זיי אַוועקגעריבט געוואָרן. ווער ווייסט צי זיי וועלן מיך בכלל דערקענען?

און אָט שטיי איך פאַרן הויז וואו איך בין געבוירן געוואָרן. מיין האַרץ קלאַפּט זייער שטאַרק. נאָך איין מינוט און איך וועל זען מיין טאַטן און מאַמען...

איך בין אַריין אין הויז אַריין. איך האָב דערזען מיינע על־טערן. זיי זיינען שוין זייער אַלט געוואָרן. זיי האָבן מיך ניט דערקענט.



„איך האָב אייך געבראַכט אַ גרוס פון אייער זון שמואל", האָב איך זיי געזאָגט.

„שמואל? אוי, וואו האָסטו אים געזען? וואָס טוט ער? איז ער אויך געווען אויף דער מלחמה? ווען ער אַהיים קומען?", האָבן די אַלטע געפרעגט.

איך האָב גאָרניט געענטפערט. דער טאַטע האָט זיך ווידער נאָכגעפרעגט:

„איז ער כאָטש געבליבן אַ ייד, געטריי צו זיין פאָלק און גאָט ?"

איך האָב געזען אַז די מאַמע וויינט. איך האָב מיך מער ניט געקענט איינהאַלטן און אַ זאָג געטאָן:

„איך בין אייער זון שמואל. אייער זון."

און אַזוי בין איך ווידער געווען אין דער היים. געווען צוריק ביי טאַטע-מאַמע. אַלע טעג פון מיין קינדהייט זיינען ווידער ווי לעבעדיקע געשטאַנען פאַר די אויגן . . . איך בין געווען גליקלעך.

פארלאג
יידישע שול
מאנטרעאל